STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06683

VERTIKALN

Israel Goichberg

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. גליכבערג

ווערטיקאַלן

פאַרלאַג „בידערמאַן" — ניו יאָרק
1935

Copyright, 1935
by
I. GOICHBERG
New York, N. Y.

געזעצט פון פּאָזי־שאולזאָן פּרעס
19 וועסט 21טע גאַס
ניו יאָרק, נ. י.
234

שטאָט

ווערטיקאַלן

הורבעס פון שטיינער און הורבעס פון ציגל
שליסן אַ בונד דורך שטאָל און צעמענט,
עדות צום בונד איז דער מענטשלעכער זיגל:
ליכטיקער שכל און פּראַצע פון הענט.

פעלז־ווערטיקאַל ווי אַ שטיינערנע ווירע
ווירעט און פּאַלמעסט אויף פּאַסן די הייך —
מיינע, און דיינע, און זיינע און אירע,
דאָס איז דיין חלק — און ווייטער נישט גרייך.

בבלשער טורעם פון אַלטע אַנאַלן —
עדות פון שנאה, וואָס האָט זיך צעברענט,
שטאָט מיינע, וואונדער פון שטיין־ווערטיקאַלן,
מענטש האָט זיין ברודער נאָך אַלץ נישט דערקענט.

שטאָט

א.

כ׳האָב אומגעוואַנדערט שעהן לאַנג אויף גאַסן,
כ׳האָב אָנגעשעפּט די אויערן מיט קלאַנג,
כ׳האָב אָנגעזאַפּט די אויגן מיט בילדער אין באַוועגונג,
און איצט, אין אָוונט שעה, צעפּלאָנטער איך מיין פאַנג,
צעשפּרייטנדיק פאַר זיך געזאַמלטס און געקליבנס.
און ווידער זע איך פנימער אין שאָטן און אין ליכט,
און עפּעס אין זיכרון רופט אַרויס אַ שמייכל,
און עפּעס לייגט אַ טיפן קנייטש אויף מיין געזיכט.

ב.

אויף שוימיקער בראָדוויי איז יעדער טאָג אַ זונטיק,
עס טראָגט די גאַס איר זונטיק־קלייד אַיעדן טאָג פון וואָך.
אויף שוימיקער בראָדוויי איז יעדער מענטש אַ בלעזל,
רירעוודיקע בלעזלעך אין בראָדווייער קאָך.
אויף קאָכיקער בראָדוויי — אַ קייט פון קאַרניוואַלן,
שוועבט די פרייד אויף באַנערן אַריבער מענטשנס קעפּ,
טראָגט זיך אום די פרייד צעפּראַלטע אין די גאַסן,
חנדלט זיך דער טרויער אין זיין שוואַרצן קרעפּ.

ג.

ס'האָט בלינדער צופאַל מיליאָנען דאָ פאַרקערט,
מיליאָנען מענטשן — אויף אַ פּיצל ערד.
און שטרעקיק איז דער מענטש און ריזיק איז זיין שפּרונג,
און ברייט און מעכטיק און דערגרייכנדיק זיין שוואונג.
איז ענג דאָס פּיצל ערד פאַר מענטשלעכן דערגרייך,
שפּריצט אויף זיין איבערפלוס צום וואָלקן אינדערהייך,
שטייגט אויף זיין יוגנט־קראַפט אַלץ העכער יעדן טאָג,
און אויב ס'וועט נויטיק זיין, — פאַרוואָס ניט טויזנט שטאָק?

ד.

שטאָלצע, גראַדע שטייען דאָ די מויערן,
פּראָסט און זאַכלעך — דאָס איז אונדזער סטיל,
די גלייכע ליניע — איז דער קירצסטער וועג צום הימל,
די ווערטיקאַלע ליניעס — זיי פירן גלייך צום ציל.
קובן שטיינערנע קלעטערן צום הימל,
שטעלט זיך איינער אויפן צווייטנס קאָפּ,
הויבן אָן א סך, נאָר ווייניקע דערקריכן,
און נאָר די מוטיקערע שטעלן זיך ניט אָפּ.
און נאָר די מוטיקסטע דערקריכן ביזן הימל
און שטעקן זיך אַריין אין האַרץ פון בלויען רוים,
קוקן זיי אַראָפּ מיט אָנגעגלעזטע אויגן,
זוכן זייער שעפער — און געפינען קוים.

ה.

שווינדל־ליכט און פאַרבן־ליכט,
כוואַליע הער און כוואַליע הין,
אויפן שוואַרצן בלאַט פון נאַכט —
ווערטער רויט און געל און גרין.
אַ סימפאָניע פון קאָליר
לעשט זיך, צינדט זיך און וויברירט,
שילד פון רעכטס און שילד פון לינקס
האָבן אַ דועט פאַרפירט.
שטעקט אַ שטערן אינדערהייך —
איינגעשרומפן און פאַרשעמט,
הענגט אַ שטיק לבנה־רייף —
אָפּגעבליאַקעוועט, פאַרפרעמדט.

אָוונט

צוויי אויסגעשפּרייטע פליגל פון אַן עראָפּלאַן
אויף בלויען הינטערגרונט אין בין־השמשות־ליכט.
און אַזאַ רואיקייט איז אויבן דאָרט פאַראַן,
און אַזאַ פרידלעכקייט דערפילסטו אומגעריכט.
דער אויער און דאָס אויג — אַוועק פון ווירבל־גאַס,
געלאָזן אונטער זיך דעם יאָג און רויש פון באַן,
צווישן טורעם־דעכער אויף א בלויען פאַס
צוויי פליגל שוועבן דאָרט מיט גראַציע פון אַ שוואַן.
איין איינציק שטערנדל שפּרינגט אומגעריכט אַרויס —
דער ערשטער גאַסט און אָנזאָגער פון נאַכט,
צוויי פליגל שווימען ווייך אין נאַכטיק בלויען שויס
פאַרביי דעם יונגן שטערן, וואָס האָט ערשט דערוואַכט.

רעקלאַמעס

קאַליידאָסקאָפּישע פּילפּאַרביקע רעקלאַמעס
שרייען פון די ווענט אין די וואַגאָנען,
מיט ווערטער, מיט קאָלירן און מיט בילדער,
גרילצן אַזוי הויך נאָר ווי זיי קאָנען.
שפּאַנזן קליינע ווערטערלעך אויף שטאָלצן,
ברעכן זיך קאָלירן ווי פּאַיאַצן,
פּראַווען אין מיין אויג אַ וואַקכאַנאַליע,
קלינגט באַרימעריי אויף טויזנט טאַצן:
קויף מיך, איך בין גוט און איך בין ביליק!
כאַפּ מיך, איך בין בעסער פונם בעסטן!
לעק מיך, איך בין זיסער פונם זיסטן!
מעסט מיך, איך בין גרעסער פונם גרעסטן! —
שלינגען מיינע אויגן די קאָלירן,
פרעסן זיי ביז מיאוסקייט, ביז ברעכן,
שליסן זיך די אויגן מיינע מידע,
מידע פון קאָליר־געשריי דעם פרעכן.

שטילקייט

געפֿאַנגען פֿון שטאָטישן צויבער,
פֿאַרגאַפֿט פֿון דעם שטאָלענעם ליד —
כ׳האָב שיר ניט פֿאַרגעסן די שײנקייט
פֿון רואיקן שטילן געמיט.

אין ריטמישן פּויק פֿון די באַנען,
אין ווירבל פֿון פֿאַרב און פֿון קלאַנג —
כ׳האָב שיר ניט פֿאַרגעסן דאָס לשון
פֿון שטילקייט, וואָס פֿליסט ווי געזאַנג.

אָוונט-רו

דער טאָג קערט אָפּ זיין פּנים פון דער שטאָט דער קוביקער,
און שטילער ווערט דער רויש און לאַנגזאַמער די טריט,
אפילו אַזאַ ריז, וואָס האָט אַ האַרץ אַ שטיינערנס,
ליגט אויך נאָך טאָגס געפּעכט צעכראַסטיעט, שוואַך און מיד.
צוויי הויכע גראָע ווענט מיט קובן-נעסטן מענטשלעכע,
געטוליעט שטייען זיי באַם זוים פון אויבערבאַן,
צעקנייטשטע בלייכע פּנימער אין יעדן שוואַרצן פענצטער-לאָך,
דאָס איז די רו נאָך מי, אויב רו איז דאָ פאַראַן.
ווי שווער מוז זיין די מי, אויב רו קאָן זיין דאָס באַן-געריוש,
אויב ליכט מיינט סוף פון טאָג געמישט מיט שוואַרצער נאַכט.
ווי האַרט מוז זיין די לונג, אויב לופט מיינט גאַזן סם׳יקע,
ווי גלייך אַ לונג קאָן זיין פון האַרטן שטאָל געמאַכט.
עס פליט און קלאַפּט די באַן פאַרביי די קובן שטיינערנע,
אומזיסטיקע מוזיק צום טיש פון אָוונט-מאָל.
דו האַרצלאָזע גרויסשטאָטישע אידיליע!
אידיליע פון מי, פון מענטש, און שטיין און שטאָל.

ניו-יאָרק אין נעפּל

גאָסן ווי אַ שענק פאַרפלייצט מיט רויך און פּאַרע,
קרייז פון זען ביז סאַמע נישטיקייט פאַרשמעלט,
זיבן שפּאַן פון הינטן — הענגט אַ וואַנט פון כמאַרע,
זיבן שפּאַן פון פאָרנט — ענדיקט זיך די וועלט.
נאָר דו שפּאַנסט און שפּאַנסט און דאָך עס נעמט קיין ענדע,
דאַכט זיך מיט די פינגער גרייכסטו באַלד דעם עק,
נאָר דער סוף אַנטלויפט אַלץ — פּונקט ווי אין לעגענדע,
דאַכט זיך אזוי נאָענט, דאָך ווי ווייט אוועק.
טורעמס אינדערהייך מיט דיקן גרוי פאַרצויגן,
ווי אַ בילד אָן אַלטס — צעשמירט און אָפּגעמעקט,
אויף דער גאַס פאַרביי — צוויי מוטנע פייער־אויגן,
און דעם אַטאַס פּיף, וואָס וואָרנט דיך און שרעקט.
די עלעקטרע־לאָמפּן — רויכיקע פּאַכירן
מיט אַ פלעק אין צענטער פון פאַרזשמורעט ליכט,
דאַכט זיך, אַז דו זעסט קיין נפש ניט שפּאַצירן,
פּלוצלונג, וואַקסט אַ מענטש אויס גלייך פאַר דיין געזיכט.

רו

ס׳איז יום־טוב היינט ביי מיר, איך האָב א טאָג פון רו,
מיין טאָג איז היינט דער פּרינץ צווישן טעג פון לעבן,
נו, טרינק איך מיינע שעהן ווי אַ שיכור ווײַן
און כ׳דאַרף פאַר זיי קיין דין וחשבון ניט אָפּגעבן.
ס׳איז יום טוב היינט ביי מיר, אַ טאָג פון גאָרנישט טאָן,
נו, שלעפּ איך זיך אַרום אַ פוילער אין די גאַסן,
און טרינק מיין זיסע רו ניט צווישן וואַלד און פעלד,
נאָר צווישן וואָכעדיקע רוישנדיקע מאַסן.
איך קוק אריין און לייען יעדערנס געזיכט,
און ס׳איז פאַר מיר די גאַס אַ בוך מיט בלעטער ווייסע,
מיט נייגיר פאָרש איך אויס אַיעדנס פרייד און לייד,
געשפּאַנטער נאָך, פאַר מיר, פון אַ דעטעקטיוו־מעשה.
ס׳איז יום־טוב היינט ביי מיר — אין מיט פון גראָער וואָך,
נו, לאָז איך מיינע שעהן פריי ווי טויבן פליען,
איך דאַרף ניט גיין אַהער און מוז ניט גיין אַהין,
טאָ זאָל דער מענטשן־שטראָם וואוהין ער וויל מיך ציען.

טראַפּיק

ווי הונגעריקע וועלף אינמיטן שפּרונג פאַרגליווערט,
פאַרכישופט פון מכשפס גליענדיקע אויגן,
געפּענטעט שטייען אָטאָס דורך סיגנאַלן רויטע,
און פול מיט אומגעדולד ווי אַ געשפּאַנטער בויגן.
נאָר איינס, און צוויי און דריי — ס׳צערינט דער רויטער כישוף,
דאָס מילדע גרינע אויג האָט אַ באַפעל געגעבן —
אַ רעווע און אַ ריס — און איבער קעפּ און קערפּערס,
העי, מענטש, דו מענטש האַלט וואַך! דו שפּילסט זיך מיטן לעבן.

נאָך דער אַרבעט

צווײ אויגן קאַלאַמוטנע ווי אַסיענדיקער הימל,
די באַקן אויסגעווייקט פון שווייס און שווערער מי,
די הענט פאַרהאַרטעוועטע שוואַרצע ווי פּאַדעשוועס,
טוליען זיך אינאײנעם מידע אויף זיין קני.
פּרוּאוון אויגן אויפבליצן אין דענקען —
נאָר די מידקייט לעשט זיי און זי דעקט זיי צו,
הענגען אַקסלען ווי צווײ שווערע קלעצער,
און זיי בענקען: רו, רו, רו.

נ אַ כ ט

שלאָפט די פינצטערע נאַכט
מיטן שלאָף פונם ריז,
וואָס איז בלינד אויף זיין איינציקן אויג.
שוואַרץ,
שוואַרץ,
קויל —
אַ חלום אַ וויסטער אַ בייזער.
שטיל,
שטיל,
גרויל —
פאַרגליווערט ווי שטומקייט פון מתים.
נאָר האַרך:
דאָס גוואַלד פון א שיף אויפן וואַסער
האָט ווי א שטיק דינאַמיט עקספלאָדירט
אינם שויס פון דער פינצטערער נאַכט:
בו—הו!!

א שוידער,
א ציטער,
א פיבער,
האָט געגעבן דער בליי־שווערער גליוועך.
און געפּלאַצט
האָט דאָס קויל־שוואַרצע האַרץ פון דער נאַכט.
איז געקומען צופליען א שטיק
פון פאַרוואונדעטער נאַכט,
און געטראָגן סכנה אין שויס,
און געיאָמערט אין אויער ביי מיר,
און געוועקט:
שטיי אויף!
ס׳האָט אַ מערדעריש קול
מיין נשמה אויף פיצלעך צעשאָסן,
און דו גאָר, דו שלאָפסט און נישט הערסט!
שטיי אויף!
ווי קאָנסטו דאָס שלאָפן?

סקווער

נישט אויף צאַרטע זילבער־פּלייטן
שפּילט דאָס לעבן דאָ זיין ליד,
נאָר אויף העכסטע מעגאַפאָנען
רעוועט עס און ווערט נישט מיד.

זיבן גאַסן — זיבן וועגן
נעמען אָפּשיד פון אָ סקווער,
יעדע גאַס — א שטראָם פון אָטאָס
און פון מענטשלעכן פאַרקער.

פיס און רעדער — מיש און פלאָנטער,
גראָד־באַוועג און קרייז געדריי,
זעט דאָס אויג פאַר זיבן אויגן,
דאָס געהער — פאַרשפיצט ביז ווײ.

נערוון — ווי געשפּאַנטע סטרונעס,
אויפנאַם — ווי א בליץ געשווינד,
ציטערדיקע זיינען חושים
ווי א פעדערל אין ווינט.

ליגט געפאַר אויף פערצן ראָגן,
טשאַטעוועט דעם אויגנבליק...
שפּאַנען מענטשן איבער נערוון,
ווי זשאָנגלערן אויפן שטריק.

מעדיטאַציעס

1.

דו ביסט די פּריזמע, דורך וועלכער דאָס ווייסע ליכט פון וועלט
גייט דורך, ברעכט זיך איבער און צעשיט זיך אויף קאָלירן,
און האָט די מוטנעקייט די פלאַך פון דיין קרישטאָל פאַרשטעלט —
וואו זשע נעמט מען פאַרב די גרויקייט צו באַצירן?

2.

דו זעסט די וועלט דורך ברייל פון אייגענעם געזונט,
און זינגט דיין בלוט, איז אלץ ארום
א רויטע בלייענדיקע בלום,
און קרעכצט דיין גוף, איז אלץ א ברענענדיקע וואונד.

3.

וואָס נעכטן איז געווען — איז איצטער נישט קיין חילוק,
דער היינט באַהאַנדלט אונדז מיט הענטשקעס פון שטאָל,
דער מאָרגן איז א מילדער און פאַרשפּרעכנס — ביליק:
א טעלערל מיט גליק — אין ראָזעווען אַמאָל.
איז גוט אזוי מסתם, וואָס היינטן ווערן נעכטנס,
נאָר כ׳וויס: עס איז דעם מאָרגן ווערן היינט באַשערט, —
ווי זשע זאָלן מיר זיך מיט די היינטן פעכטן?
מיר — מיט הוילע הענט און זיי — מיט שאַרפן שווערד.

4.

שטאַרבט אַ מענטש — שטאַרבט די וועלט,
נישט בלויז איינציקער פעלט,
אַלצדינג ווערט ווי חלום צערונען,
לעשט אַ לעבן זיך אויס —
שטאַרבט די פרישקייט פון רויז,
שטאַרבט דאָס ליד און דאָס ליכט פון די זונען.
יעדער פליג איז די וועלט,
יעדער מילבל אין פעלד
טראָגט די וועלט אין זיין נישטיקער קליינקייט,
שטאַרבט אַ מילב, צי אַ פליג,
צי אַ קינד אין זיין וויג —
שטאַרבט די וועלט מיט איר פּראַכט און איר שיינקייט.

5.

צעבלאָז און צעווייע מיין טרויער,
ווי כמאַרעס צעטריבן אין ווינט.
ס׳איז שווער מיין געמיט, ווי א מויער,
און שוואַרצער פון סופרישער טינט.

געזען האָב איך טויט ווי אין שפּיגל,
א שווינדל געטאָן — און אוועק,
געלייגט אויף מיין האַרצן זיין זיגל —
זיין שוואַרצן, זיין גרויזאַמען פלעק.

איצט וויקלען זיך זעאונגען שווערע,
ווי שלאַנגען אַרום מיין געביין,
און ס׳לויערט די שוואַרצע פּאַנטערע
און שטשירעט און שטשירעט די ציין.

אויפן טויט פון מ. ל. האַלפּערן

איך שטיי מיט דיר פּנים אל פּנים,
אָך שעץ דיך ניט אונטער, מיין פריינט,
פאַרשניטן האָסטו אונדזער זאָמען,
און טוסט נאָך פאַרשניידן ביז היינט.
און אָט האָסטו ווידער דערשלאָגן
אַ קרעפּטיקן זון פון מיין שטאַם,
ערשט נעכטן — אַ לייב אין זיין ברומען
און היינט — א געשאָכטענער לאַם.

איצט וויינט בײַ מיר טיף אין זכרון
זיין פאַרביק בונטאַרישער סליאַד,
און ס׳הויבט זיך אַ האַנט פון מרידה,
קעגן דיר, אונדזער שוואַרצער פיראַט!
ביסט מערדעריש־שטאַרק און פאַרביסן,
נאָר נישט אומבאַזיגבאַר ביסטו,
מיר שאַרפן דאָס מעסער פון וויסן,
מיר וועלן נאָך שטערן דיין רו.

װעסט טויזנטער צװייגן פֿאַרשנײדן,
נאָר בלײבן װעט דאָך אונזער מין,
עס פֿאַלן די זײדעס און טאַטעס,
נאָר ס׳קומען די ליכטיקע זין.
זײ קומען מיט װיסן און פֿאָרשן,
זײ װעלן אַנטבלויזן דעם סוד,
דעם סוד פֿון דײן פֿינצטערער גבֿורה,
װאָס האָט דיך געמאַכט פֿאַר אַ גאָט.

עס ציטערט די וואַנט פון דיין פעסטונג,
איך הער שוין פונווייטן די קלעפּ,
די קינדער מיט ליכטיקע אויגן,
זיי וועלן ניט בויגן די קעפּ.
זיי וועלן צערייסן דיין שפּינוועבס —
דיין כישוף פון אייביקן שלאָף,
זיי וועלן נאָך שמייכלען ווי זיגער,
ווייל זיי וועלן שמייכלען צום סוף.

דערווייל איז נאָך דיינס — דער נצחון,
און אונדזערס — דער בלוטיקער שניט,
נאָר אונדזערס איז אויך זיין ירושה:
דאָס שאַרפע בונטאַרישע ליד.

מיטן אויער צו דער ערד

זאָל זינגען ווער עס וויל

זאָל זינגען ווער עס וויל פון יעזוס המשיח,
זאָל האָפן ווער עס וויל אויף לעבן נאָכן טויט,
פאַר זיך וויל איך אומשטערבלעכקייט אַזוינע,
וואָס איז ממשותדיק ווי רייפטן קאָרן־ברויט.
ניט לעבן נאָכן טויט, נאָר לעבן נאָכן לעבן,
פאַר מיר איז לעבן ניט קיין מיסטיש וואָרט,
אידגיב איך אָפּ די טיפסטע זוהר־סודות
פאַר איין פאַרזוך פון כעמישן רעטאָרט.

כ׳פאַרבינד מיין האָפענונג מיט יענע וואונדער וויזיעס,
וואָס בלענדן אַזוי קלאָר אין קרייז פון מיקראָסקאָפּ,
איך שטעל מיין זאַך אויף ציילער פון אַטאָמען,
די יעגער פון מיקראָבן טרוי איך אָן מיין קאָפּ.
איך ווייס: עס איז נאָך ווייט און ניט אין מיינע יאָרן,
עס האָבן די משיחים לאַנג געהערשט אין לאַנד,
דערשראָקן האָבן זיי זיך פאַר דעם וועג דעם שווערן,
געגאַנגען אין דער זייט פון מינדסטן ווידערשטאַנד.

עס איז דאָך אַזוי גרינג צו גלויבן און צו האָפן,
עס איז דאָך אַזוי שווער אליין צו זיין אַ גאָט,
עס איז דאָך אַזאַ מי פאַנאַנדערוויקלען קנוילן,
אַראָפּצורייסן שלייערס פון אַן אַלטן סוד.
נאָר זע: עס פאַלן שלייערס, עס וויקלען זיך די קנוילן,
מע פאַלט אַדורך און מע פּרואווט אויפסניי,
און טייערער איז מיר דאָס מינדסטע ניי־אַנטדעקטע
פון ימען סודות — שוואַרצקונץ: — נאַרעריי.

דער קליינער דאָלפּוס

דער קליינער דאָלפּוס שלאָפט זיך רואיק אין זיין ארון,
די שוואַרצע ליכט ארום דערציילן וועגן טויט.
דער קליינער דאָלפּוס שלאָפט — נאָר פריש אין מיין זכרון
וואַכט אויף זיין לעצטע טאָט — א וואונד פאַרבלוטיקט רויט.
דער קליינער דאָלפּוס האָט קיין גלח ניט באַקומען,
ווען ענג האָט זיך זיין ווידוי אין האַלדז ביי אים געשטעלט.
שלאָף רואיק, קליינער דאָלפּוס, דיין ווידוי איז אָנגענומען,
דיין גלח איז געווען די גאַנצע ברייטע וועלט.
דו האָסט מיט הייסן בליי צעשמעטערט יונגע יאָרן,
איצט האָט דאָס זעלבע בליי פאַרגליווערט דיין געזיכט,
איצט שוועבן יונגע שאָטנס ביי דעם ראַנד פון ארון,
ווי עדות אויף דיין ווידוי אין שיין פון שוואַרצע ליכט.

איך און דו

צעקלויצעט איז די צייט און מוטנע איז דער גייסט,
דו ווייסט נישט ווער עס קושט, און ווייסט נישט ווער עס בייסט.
און יעדער איינער טראָגט אין זיין דערווײלטער האַנט
דעם איינציקן פּאַטענט אויף אמת און פאַרשטאַנד.
און יעדערער איז גרייט צו זיין כירורג פון וועלט
און שניידן ביז דער לעצטער פּולס פון האַרצן פעלט.
און אלע זוכן ליכט, און אַלע מיינען גוט,
דאָך וויפיל בערג מיט לייד און וויפיל ימען בלוט
האָט אָט די הייליקסטע כוונה שוין געבראַכט —
און ס׳טאַפּט דער מענטש נאָך אלץ אין חושך פון דער נאַכט.

אי איך, אי דו — מיר שווימען צו דעם זעלבן ברעג,
נאָר יעדער איינער דענקט: ער האָט דעם קירצסטן וועג.
פאַרוואָס זשע אַזאַ האַס אין אויג ביי מיר צו דיר?
פאַרוואָס זשע אַזאַ סם אין אויג ביי דיר צו מיר?
צי וועלן אָט די בליקן ווי חלפים שאַרף
דערפירן מיך און דיך אַהינצו, וואו מע דאַרף?
צו אַלצדינג זיך דערשכלט: אומגלויבלעכער דערגרייך!
עס האָט די וואָר געמאכט דעם העלסטן חלום בלייך,
צו ווייטסטער־ווייט א וועג, איבער טיפסטער־טיף אַ בריק,
נאָר נישט קיין וועג צו זיך, און נישט צום מענטשנס גליק.

אונדזער לאַנד

אין לאַנד פון ביפשטעק און פון טערקישע ציגאַרן,
וואו מיילער פרעסן אַלץ, וואָס נאָר דאָס אויג קאָן גאַרן,
וואו מיליאָנערסקע זינדלעך כאַליען זייערע דאַמעס
אין בעדער פון שאַמפּאַניער און טוליענע פּאַדזשאַמעס,
דאָרט שטייען פעסלאַך אָפּפאַל אויף די הינטערהויפן —
שיריים פון די נעכט פון שיכורן און זויפן,
און מענטשן — שאָטנס צוגעשאַרט פון שמאָלע הינטערגעסלעך,
רייבן זיך ווי קעץ, ווי בלודנע באַ די פעסלעך,
אין שמאַטעס און אין לאַטעס. מיט ציטערדיקע פינגער,
מיט טרוקענע צום גומען צוגעקלעפּטע צינגער,
טאַפּן זיי, און גריבלען זיך, און נישטערן און זוכן —
אפשר: אַ פארפוילטער עפּל, צי אַ שטיקל קוכן.

און דאָרטן, זעסט אַ ריי: דאָס וואָרט מען אויף בילעטן,
היינט דאַרף איין פויסטן־העלד דעם צווייטנס קאָפּ צעפּלעטן,
און זאָל ער נאָר דעם ריכטיקן „נאָק־אַוט״ געבן זאָל ער!
אַ ווערט דאָס האָט — אַזעלכע 15־20 דאָלער.
און דאָרט אַ צווייטע ריי: פון הונגעריקע מאָגנס,
וואָס שטייען ליידיקע פאַר צוויי געדעקטע וואָגנס,
פון וועלכע די שטאָט־טאָטעס, צעשמאָלצן פון רחמנות,
דערלאַנגען גרויסמוטיק, מיט ברייטער האַנט מתנות:
אַ סענדוויטש און אַ קאַווע! אַ סענדוויטש און אַ קאַווע!
און רייכע ליידיקגייער קוקן צו טשיקאַווע,
ווי אָט די מאָדנע ברואים שלינגען זייער עסן,
און האָבן יעדן שפּור פון עטיקעט פאַרגעסן...

אין לאַנד פון הימלקראַצערס און פילשטאָקיקע פּאַלאַצן,
דאָ וואוינט אין אַכצן צימערן אַ שומר מיט צוויי ראַצן.
פאַרשלאָסן אַלע טירן און צוגעקלאַפּט די לאָדן:
געפאָרן איז דער האַר קיין פלאָרידאַ זיך באָדן,
און נישט נאָר צוליב זיך: עס קלאָגט זיך די מאַדאַם —
עס איז די ווינטער־קעלט פאַר בולדאָגן אַ סם.
און זעסט אַנטקעגן פענצטער — אויף א באַנק אַ האַרטער,
מיט קני געפּרעסט צום בויך — אַ טרעמפּ אַן אויסגעדאַרטער,
וואָס קליגט זיך צו באַשירעמען זיין טרוקן בינטל ביינער
פון קאַלטן ווינטערס כעס און בייסנדיקע ציינער.
אַן אומפאַרשעמטע זאַך — אויף סאַמע גאַס דער שענסטער!
וואָס וואַלגערט זיך דער אָפּפאַל קעגן רייכע פענצטער?

און ס'פויקט דער פּאָליצייסקע שטעקן אויף די זוילן:
העי דו, שטיי אויף, דו לויזיקער, גענוג דיר דאָ צו פוילן!
אין גאָטס מדינה, טרעמפּ, דאָ הערשט געזעץ און סדר.
אַ פּאַנצער פּאַר די מעכטיקע, פּאַר שוצלאָזע אַ גדר.
און דאָס געזעץ באַפעלט: קיין אָפּפאַל אויף די גאַסן!
צי דאָס איז ביין פון טאָפּ, צי ביין פון טרעמפּ דעם בלאַסן.
און סדר זאָגט, אַז שלאָפן, שלאָפן לייט אין בעטן,
און נישט אויף בענק אין גאַס, פּאַר קינד און קייט צו שפּעטן.
דער „בלאָער ראָק" האָט זיינס געטאָן, ער האָט זיין ברויט פאַרדינט זיך,
פאַרגעסן בלויז דעם טרעמפּ צו זאָגן, וואו זיין בעט געפינט זיך.

פרימאָרגן

די זון האָט אויפגעטויכט איבער שפּיצן פון דער שטאָט,
ווי אַ ליכטיקער געדאַנק צעפראַלט די האָריזאָנטן,
עס האָט די מאָרגן־זון מיר אויך געשענקט איר גנאָד:
א שמייכל מיר געשיקט — א ווארעמען, א נאָענטן.

איז לייכטער נאָך פון רויק געווען מיין מידער טראָט,
מיין פרייד — אַ באַנער אויף אַ טורעם אַ געפּאָנטן —
עס איז דאָך אזוי גרינג אן אוצר צו פאַרמאָגן,
ווען ס׳וואַלגערט זיך די פרייד אויף גאַסן און אויף ראָגן.

עס האָט מיין העלער בליק געניִדערט צום אַספאַלט,
געפאַלן אויף די מיסטן אָנגעפּאַקט אין קאַנען:
מיטביידע הענט אין מיסט — אַן אויסגעקרימט געשטאַלט
איז מיט דער הויקער־פּלייצע צו דער זון געשטאַנען.

און נישט געזען דאָס ליכט, וואָס האָט פון הייך געשטראַלט,
און נישט געפילט די פרייד, וואָס איז אין גאַס פאַראַנען.
געצאַפּלט האָט אין בלוט דאָס לעצטע ביסל ווילן:
אַ שטיקל טרוקן ברויט — דעם הונגער איינצושטילן.

מיין יונגע מאָרגן־פרייד האָט פרי זיך אָפּגעעקט.
אָט האָב איך, דאכט זיך, ערשט א פֿאָדעם גאָלד געשפּונען...
און שוין האָט וואָלקנגרוי דעם העלן טאָג פֿאַרדעקט
און אויסגעלאָשן ס׳ליכט פֿון אַלע זיבן זונען.

דער שוואַרצער הונגער האָט דאָס ווייסע ליכט פֿאַרפּלעקט,
און ס׳איז די פלאַטער־פרייד אין אויג ביי מיר צערונען.
א שאָד! געזאָלט האָט זיין אזא מיין פיינער מאָרגן —
נאָר ס׳האָט די שוואַרצע קאַץ די ווייסע טויב דערוואָרגן.

אויף הפקר

אַ פלאָנטער פון פיצלעך און שטיקלעך,
פון רעשטלעך צעבראָכענע נעסט,
אַן אויסשטעל פון ווילדע אַנטיקלעך
פאַר פרעמד־נישט געבעטענע געסט.

א היים א באַשפיגן־פאַרשעמטע,
אַרויסגעשטעלט הפקר אויף גאַס,
צוויי מענטשן מיט ליפּן פאַרקלעמטע,
מיט באַקן פאַרוויאַנעט און בלאַס.

אַ היים — איז נישט בעטן, נישט טישן,
נישט דיל און נישט דאַך און פיר ווענט,
אפילו פון קאָפּ נישט דאָס קישן —
א היים — איז נר תמיד, וואָס ברענט.

א היים — איז דאָס שטילע, דאָס צאַרטע
וואָס שעמט זיך פאַר זייטיקן בליק,
איצט ליגט עס אויף שטיינער אויף האַרטע —
צוויי מענטשנס פאַרפייניקטע גליק.

— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

טעלער, און טישן, און בעטלעך,
און פאַרביקע שפּילצייג פון קינד,
אַ ביכל מיט אָפענע בלעטלעך,
געמישט און געלייענט פונם ווינט.

שאָטנס

אויסגעליידיקט ווי אַ שאָלעכץ פון אַן איי.
די אויגן — האָלאָוועשקעס אויסגעברענטע צוויי,
פאַרזונקענע אין קאָפּ אין לעכער שוואַרץ ווי קויל,
צוויי טאָרבעלעך מיט צער פון ביידע זייטן מויל.
אַן אויסגעוויקטער גוף פון שוויסיק־שווערער מי
און אויסגעקרומט פון שטענדיק קריכן אויף די קני —
אַזוי קוקט אויס די אַלטע סקראָבענדיקע פרוי,
ווען זי פאַרלאָזט איר מי אין קאַלטן מאָרגן־גרוי.

אַ נאַכט געוואַלגערט זיך אויף דילן און אויף טרעפּ —
זיך אָנגעקוועטשט אויף קני מאַזאָליעס ווי די קנעפּ,
געריבן פרעמדע בלאָטע, געוואַשן פרעמדן שמוץ,
אַז מאָרגן זאָל די קראָם אין בלאַנקענדיקן פּוץ
צעשמייכלען זיך פאַר קונים קנעכטיש־עלעגאַנט
מיט זילבערוואַרג, מיט צירונג און מיט פּרעכטיקן געוואַנט.
דער חלל אין דער קראָם ביינאַכט איז אַזוי שטיל —
עס הערט זיך בלויז דער שאָרך פון סקראָבן אויפן דיל.

און זי — אַ מאָדנע חיה — קריכט אויף אַלע פיר:
דאָס קעניגרייך פון קויט — דאָס אַלץ געהער צו איר...
און איבער איר דער גלאַנץ — אויף פּאַליצעס צעשטעלט —
דאָס איז אַ ווייטע וועלט, דאָס איז אַ חלום־וועלט.
אָפּגעקראָכן אירע אַכצן הונדערט שפּאַן,
מיט שמאַטע און מיט באַרשט און מיט וואַסער־שמוץ אַ קאַן —
קערט זי אָפּ איר בליק און אײַלט אַרויס געשווינד,
זאָל גאָט באַהיטן פון נסיון און פון זינד...

א מעשה

א מתנה לאַזאַר ווײַנערן

אַמאָל אין אַ צייט...

אַמאָל אין אַ צייט — און די צייט איז ניט ווייט,
ווּעסטו הערן אַ מעשה דערציילן ביי לייט.
דיין זיידע האָט געאַרבעט פון פרי ביזל שפּעט,
און האָט קוים זיך פאַרדינט אויפן שטרוי פון זייט בעט,
און האָט קוים זיך פארדינט אויף זיין טרוקענעם ברויט,
און געוואַרט אויף דעם גנאָד פון זיין האַר ביזן טויט.
און האָט זיך דיין זיידע אַמאָל אין אַ נאַכט,
אין שלאָפלאָזע שעהן צו עפּעס דערטראַכט,
און איז ער געקומען אויף מאָרגן צום האַר
מיט געבויגענעם קאָפּ און מיט אויגן פול צער,
און האָט זיך געקלאָגט אָט אַזוי און אזוי:

הונגעריק זיינען די קינדער און פרוי,
אָן שוך אויפן פוס און אָן קלייד אויפן לייב,
און קראַנק זיינען די קינדער און קראַנק איז דאָס ווייב,
און, האַר מיינער, ווייסט דאָך ווי כ׳אַרבעט געטריי,
ביז וואָנען די הענט ווערן שווערער פון בליי.
איך אַקער דיין פעלד און איך האַק דיר דיין וואַלד,
און דאָרט אין מיין הייזל איז פינצטער און קאַלט.
האָט האַר זיך צעשמייכלט און האַר האָט געזאָגט:
פאַר מיר האָט קיין קנעכט זיך נאָך קיינמאָל באַקלאָגט,
אַ קנעכט דאַרף זיין דאַנקבאַר פאַר דעם וואָס ער האָט,
און וואָלט דיר געקומען — געגעבן וואָלט גאָט.
אַוועק איז דער זיידע מיט בערישן טראָט,
מיט האָס אין זיין אויג — קעגן האַר און זיין גאָט.

דיין פאָטער, מיין קינד, איז אַ שאַכטער געווען,
און האָט זעלטן דעם ליכטיקן טאָג אָנגעזען,
געארבעט פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט
מיט געבויגענעם רוקן אין פינצטערער שאַכט.
געאָטעמט מיט קויל־שטויב, געפיבערט פון שרעק:
אַן אויפרייס קען קומען — און מאַכן אַן עק.
און וואָס פאר א לוין האָט אים נאָכדעם דערוואַרט,
ווען ער האָט ווי א שאָטן אהיים זיך געשאַרט?
א ווייב מיט פיר קינדער אין נעגל פון נויט,
די לייבער אין שמאַטעס פאַרפלייצטע מיט קויט.
און אויגן צוויי שטומע פון אייגענעם ווייב,
וואָס טענהן און שניידן זיך איין אין דיין לייב:
פיר קינדער — פיר ליכטלעך געצונדן אין הויז,
און זע ווי זיי צאַנקען און לעשן זיך אויס,
קיין זעטיקער טאָג און קיין פריידיקע שעה,
א גאָרטן געפלאַנצט — און קיין זון איז נישטאָ.

נו, איז דען א וואונדער, וואָס ער האָט זיין פּיין
פאַרטרונקען מיט בראָנפן — ניט ניכטער צו זיין?
און האָט זיך דיין פאָטער אַמאָל אין א נאַכט,
אין ניכטערע שעהן צו עפּעס דערטראַכט,
האָט עפּעס באַלויכטן זיין מידן פאַרשטאַנד,
און שטייף איז געוואָרן די פויסט פון זיין האַנט.
אויף מאָרגן איז פאָטער געקומען אין שאַכט
און פעסטן באַשלוס אויף די ליפּן געבראַכט:
איר, שאַכטער חברים, רייסט איבער און הערט —
מיר ליגן פאַרגראָבן ווי מייז אונטער דר'ערד,
מיר דרילעווען קוילן פאַר אונדזער מאַגנאַט,
אַז וואויל זאָל אים זיין און אַז וואַרעם און זאַט,
אַז באָדן זאָל ער זיך אין וואוילטאָג, אין גוטס,
און מיר — אין דעם אייגענעם שווייס און אין שמוץ,
און מיר — מיר דערגייען מיט ווייב און מיט קינד,
ער לעבט ווי א קעניג און מיר ווי די הינט.

א סוף זאָל עס נעמען! מיר ווילן ניט מער!
אונדז פּרינצן פון אַרבעט — אונדז אַלעס געהער.
מיר'ן נעמען וואָס קומט אונדז — און קומען קומט אַלץ,
דער שוך און דאָס קלייד, און דאָס ברויט און דאָס שמאַלץ.

נאָר גרינג איז צו זאָגן און שווער איז צו טאָן —
ניט לייכט גיט מען אָפּ, וואָס מע ראַבעוועט אָן.
געקעמפט האָבן מוטיק די שאַכטערס אין ריי,
איז איינער געפאַלן — עס שטייען שוין צוויי.
דורך בלוטיקע יאָרן, דורך יאָרן פון שטרייט
האָט שאַכטער די פרוכט זיין פראַצע באַפרייט.
און לעבסטו איצט זאַטע און גליקלעכע טעג —
דערמאָן זיך אָן שווערן און בלוטיקן וועג,
וואָס דורכגעמאַכט האָבן פאָטער און פריינט,
אַז ליכטיק און מענטשלעך זאָל זיין דיר דער היינט.

אַמאָל אין א צייט — און די צייט איז ניט ווייט,
וועסטו הערן א מעשה דערציילן ביי לייט.

ערשטער מאַי

פאָן געפלאַטער האַרץ געפלאַטער,
און די פּנימער צעשטראַלט,
וואו אַ האַנט נאָר שאַפט און אַרבעט —
יום טוב ווערט אַרויסגעשאַלט.

פאָן געפלאַטער, האַרץ געפלאַטער
אין דעם טאָג פון ערשטן מאַי,
מיליאָנען הענט פון פראַצע
אויפגעהויבן שטאָלץ און פריי.

שיקן הענט אַ שאַרפע וואָרנונג
קעגן רויב פון פרעמדער מי,
און א ברכה פאַר דער אַרבעט
אין דעם טאָג פון בלום און בלי.

דאָגמע

ביז וואַנען אַלט־מענטש וועט אינגאַנצן נישט פאַרשווינדן,
ביז וואַנען ניי־מענטש וועט אַרויס אין העלן שיין —
נישט לאָז פון מענטש־געמאַכטער דאָגמע זיך צו בינדן,
און זאָל דיר דיין געוויסן שופט זיין.

אויף דאָגמעס און אויף הייליקע תקנות
רייטן פירער אין דעם פּאַלאַץ פון ווילקיר,
וואָס איז געפּלאַסטערט מיט אומשולדיקע כוונות,
מיט אַ הייליקער מזוזה אויף דער טיר.

און קומט אַ צייט אַזאַ פון אחדותדיקע רייען,
ווען דאָגמע ווערט די פויק וואָס פירט צום טאַקט,
ווי אַ פאָן זאָל דיין געוויסן דעמאָלט ווייען,
און ווי אַ שטורקאַץ זאָל עס לייכטן אויפן טראַקט.

פאַרן שטורם

אַ צייט ווי אַ געביילטע פויסט,
געפּרעסטער צאָרן גרייט צום פאַלן,
און וועלט — זי שטייט מיט קאָפּ אַנטבלויזט,
ווי בוים אין וואַלד פאַר דונערס קנאַלן.

גערויבט האָט ער — דער העכסטער דעמב
ביים קליינגעוויקס די זונענשטראַלן,
איצט שטייט ער דאָ פאַרגליווערט, טעמפּ,
און וואַרט אויף ערשטן דונערס קנאַלן.

עס ציטערט ערד פאַר שניט פון בליץ,
ווי פאַר אַן אומגליק אַ פּאַטאַלן,
נאָר וויסן ווייסט דער העכסטער שפּיץ:
אויף אים וועט ערשטער דונער קנאַלן.

אַ טאָג געפּאַקט מיט דינאַמיט,
אַ פונק — און ס׳קראַכן פּעדעסטאַלן,
די אַלטע וועלט איז פויל און מיד,
און פּלאַצט ביים ערשטן דונערס קנאַלן.

היסטעריקע

(מלחמה־צייט)

היסטעריקע

א

האָבן באַנקירן פאַרפּלאָנטערט די וואָודעס
אין שטורמישע כוואַליעס פון וועלט־קאָנקורענץ,
האָבן צום טאַקט פון די סוחרישע דודעס
פאַרטפּעלן געטאַנצט דיפּלאָמאַטישע טענץ.
האָבן זיך לענדער געוויגט ווי אויף הוידעס
אויף זשעדנער דאָלאָניע פון גאָלדענעם שד,
האָבן געציטערט די סאַמע יסודות
פון פרידלעכן טיש און פון רואיקן בעט.

ב

ליינצן פערצן — פונק עלעקטרישער
אין פולווער־פאַס פון וועלט־געשיכטע,
שטיקט די לופט, ווי ערב־שטורמדיק,
וואָלקנס שווערע פעך־געדיכטע.
פליען קייבלס — קראָען פינצטערע,
קראַקען מאָרד און רויטן מבול,
גריזשעט שוידער אין די ביינער דיר,
ווי אין לאָך — אַ מויזן־גראַבל.
אויף די גאַסן קוויטשען צייטונגען,
ווי חזרים אין א רעגן:
גאָט, גאָט, שיק אַ שחיטהלע
פאַר דער בידנער פרעסע וועגן.
זאָלן זין די פאַטריאָטישע
זיך די גאָרגלען איבערבייסן,
זאָל אויף געלן בוים — סענסאַציע
סענטן וואַקסן — מיר׳ן רייסן.
גאָט, גאָט, גיב א רעגן
פאַר דער בידנער פרעסע וועגן!

ג.

געפּלאַצט די דאַמבע — דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד!
הפקר פלייצט דער האַס און קיינער קאָן ניט צאַמען,
אַ פּיראָמאַניע האָט אָנגעשטעקט די וועלט,
און פעלקער ווי פאַררינקטע וואַרפן זיך אין פלאַמען.
ווען שרעקט עס איצט אַ טראָפּן מענטשלעך בלוט?
און ווען גייט עס אָן דער פּיין פון גסיסה־קרעכצן?
פאַרבלוטיקט, ווי די הענקערס, שפּאַנען יאָרן רויטע —
ניינצן־פערצן, פופצן, זעכצן...
קומען נייעס פון די יאַטקע־פעלדער אָן,
נאָר טעמפּ איז שוין דער אויער פאַר די גרוסן —
וועט זיין ווייניקער מיט הונדערט טויזנט דייטשן,
וועט זיין ווייניקער מיט הונדערט טויזנט רוסן...

ד

אויף יענער זייט ים, אויף דער אַלטער אַרענע
שפּילן זיך פעלקער די שפּיל פון קאַנאָנען,
שרעק זיך ניט, זון, זאָל עס קנאַלן און דונערן —
מיר וועלן זיצן און שאַרן מיליאָנען.
אויף יענער זייט ים גייט א שפּיל פון מלחמה,
בויגן זיך, קאָרטשען זיך פעלקער אין דרייען,
אויף דער זייט, מיין זון, איז פּרנסה בשפע —
קיין הענט איז נישטאָ שוין צו שאַפן כלי־זין.
אויף יענער זייט ים גייט דער ספּאָרט פון קיסרים —
דער רויטער אַזאַרט פון די אוראַלטע צייטן,
געדענק־זשע די תורה פון פּרעזידענט מאָנראָ:
געשעפט איז געשעפט, אָבער פּריינט פון דערווייטן.

ה

עס האָבן צוויי וואָלקנס מעבר־לימים,
צוויי קויל־שוואַרצע וואָלקנס פון האַס און פון שנאה
געהאַט אַ געוועט, ווער ס׳וועט גרייכן צום ערשטן
דעם גאָלדענעם ברעג פון דער יענקי־מדינה.
געזעסן ביים ברעג איז זיך יענקי דער פישער,
מיט סוחרישער וואודע צום וואַסער געבויגן,
און יענקי דער פישער — א יונג א געניטער —
האָט גאָלדענע פיש פונם וואַסער געצויגן...
האָט זיך פלוצלונג אַ פעך־שוואַרצער וואָלקן באַוויזן,
און ס׳איז אונדזער יענקי געוואָרן אַ בלאַסער,
אַ ציטער — און ס׳האָט זיך פאַרפּלאָנטערט זיין וואודע
מיט אַנדערע וואודעס אין שטורמישן וואַסער...
אָ, הייליקער וואודראָ, דו האָסט דאָך געשוואוירן
פון פּלאָנטערס און שטורעמס דיין זון צו פאַרהיטן,
אָ, הייליקער וואודראָ, עס רעגט זיך דער שטורעם,
עס דונערט און קנאַלט — און דיין זון איז אינמיטן...

ו

I didn't raise my boy to be a soldier!

„ניט פאַר קאַנאָנען האָב איך זונעלען געכאָוועט,
ניט אויף צו מאָרדן האָב איך קינדער אויפגעבראַכט,
ווער קען דען, און ווער וועט מיך דען באַלוינען
כאָטש פאַר איין שלאָפלאָזער ביים קינד פאַרבראַכטער נאַכט?"

אַזוי האָט מען געזונגען אין די קינאָס,
אַזוי האָט מען געזונגען אויף דער גאַס,
ווייל מוטער־ליבע איז דאָך אַזוי הייליק,
און פאָטער־ליבע איז דאָך ניט קיין שפּאַס.
איז וואָס־זשע האָט זיך איבערנאַכט געטראָפן?
איז וואָס־זשע האָט פּאַסירט מיט מאַמעס האַרץ?
ווער האָט פאַרוואַנדלט אין אַ לאַם אַ ווייסן
דעם שד, וואָס האָט געשראָקן אַזוי שוואַרץ?

America, here is my boy for you,
געקליידט אין כאַקי און מיט ביקס אין האַנט,
און וואָלט איך איצטער צוועלף זין פאַרמאָגן,
וואָלטן אַלע צוועלף זיך געשלאָגן פאַר מיין לאַנד".
אַזוי האָט מען געזונגען אין די קינאָס,
אַזוי האָט מען געזונגען אויף דער גאַס,
ווייל גרויס און מעכטיק איז די מוטער־ליבע,
נאָר מעכטיקער איז גאָט־פאַרדאַמטער האַס!

ז

ס'האָט אַ טייוולשער בלאָזאַק, וואָס הייסט פּראָפּאַגאַנדע,
צעבלאָזן אַ פלאַם אויף אַ גאַנצער מדינה,
האָבן קינדער אויף שול־בענק מיט צוטרוי פאַרנומען
די תורה פון האַס און די מצוה פון שנאה.
האָבן קינדערשע דרשות געקלונגען פון בינעס,
דרשות צעקייט און געשטאָפּט אין די קלאַסן,
האָבן טאַטעס און מאַמעס געשמייכלט פאַר נחת:
אַז וואויל איז דעם קינד, וואָס עס קאָן אַזוי האַסן.
האָבן בתולות אויף גאַסן מיט שמייכלען ווי האָניק,
פאַרשלעפּט יונגעלייט אין סאָלדאַטסקע רעקרוטן,
אַ קוש פאַרן העלד, וואָס איז גרייט וואָלונטירן,
אַ שפּיי פאַרן פחדן, וואָס קומט ניט מיט גוטן.
אַ צייט פאַר קרבנות פאַר הייליקן פאָטערלאַנד,
אין גאַסן און היימען מזבחות געשטעלט!
מאַכט זיכער די וועלט פאַר דעם גאָט „דעמאָקראַטיע“,
גיט ביז ס'זאָל וויי טאָן און זיכערט די וועלט!

און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן ברויטלאָזע מאָנטיקס,
און פישלאָזע פרייטיקס, און ווייס איך וואָס ניט!
און ס׳האָבן געמערט זיך די שפייז־שפּעקולאַנטן,
און ס׳זיינען געוואַקסן די בערג מיט פּראָפיט.

ח

וי מאַכט מען, אַז אַ פאָלק זאָל וועלן, ווען עס וויל ניט?
ווי ווערט פון פעלקער־מאָרד אַ שפּיל, ווען ס'איז קיין שפּיל ניט?
ווי הענגט מען אָן אַ לונג און לעבער אויף אַ מאַסע?
ווי פאַרבט מען אָפּ מיט שוואַרצן טייוולקויט אַ ראַסע?
ווי מאַכט מען קלאָר, אַז זען זאָל אויך א בלינדער,
אַז יעדער דייטש פאַרבייסט מיט פלייש פון שונאס קינדער?
ווי קריגט מען זין פאַר מאָרד און מוטערשע סימפּאַטיע
פאַר דזשיי פּי. מאָרגאַנס גאָלד, וואָס רופט זיך דעמאָקראַטיע?

געזעסן זיינען זיבעצן מעת־לעתן
די שאַרפסטע קעפּ פון פּאָליטיק און פּרעסע,
און מיט דער הילף פון גאָט און נאָך אַ לאַנגן ישוב —
געשאַפן אַזאַ שפּרוך פון וואונדערלעכסטן כישוף.
און וואָס פאַר צויבער־שטאָף און וועלכע וואונדער בשמים
האָבן אין וואַלפורגע־נאַכט פאַרקלויצעט די חכמים?
די פאַלשע צונג פון אזעוו, און קינס ברודער־שנאה,
דעם היפּאָקריטס געשריי און אויג־פאַרגלאָצטע מינע,
דעם הפקר אינם בלוט, וואָס שאַפט אַ לינטש־המון,
דעם פּדחן, וואָס באַהאַלט זיך אין דער העלדן־קרוין,
דער אינקוויזיציעס אומדערבאַרעמדיקע הענט,
אַ טראָפּן לאַקרעץ־זאַפט, וואָס רופט זיך סענטימענט —
און ס'איז א שפּרוך געשאַפן, וואָס איז עוקר הרים,
און זאָגסטו אים אַרויס — ווערט פון אַ לייב א וואָרים,
און גאָט באַהיט דיך, זון, דער שפּרוך זאָל אויף דיר פאַלן,
דו ווערסט זיך ניט באַוואַשן אין די ריינסטע קוואַלן.
דאָס איז דאַמאָקלעס שווערד — אַ בייטשער און אַ וועקער —
דאָס איז דער געלער שאַנד־רוף — סלעקער!

אויב ביסט ניט גרייט מיט ווייב און קינד זיך שיידן
און ביי דעם ערשטן רוף אין כאַקי זיך פאַרקליידן,
און מיט דער שווערד אין האַנט זיך לאָזן אויף צו קוילן,
און בלויז דערפאַר, וואָס עמעץ האָט באַפוילן —
דאָן הייסט סלעקער!
אויב ביסט ניט גרייט מיט פרייד אָוועקצוגעבן
דיין פרישן יונגן מוט, דיין גאַנצע לייב און לעבן,
צו שרייען הוראַ מיט אַלע דיינע קרעפטן,
כדי די וועלט צו זיכערן פאַר קאַרנעגיס געשעפטן —
דאָן הייסטו סלעקער!

אויב ביסט ניט גרייט צו מסרן דיין טאַטן,
אַז ס׳האָט דיין אייגן בלוט זיין לאַנד און פאָלק פאַרראַטן,
ווען ער האָט שטילערהייט באַנאַכט אין שעהן שפּעטע
געלייענט, צי גאָר שטודירט דעם שונאס דיכטער געטע —
דאַן הייסטו סלעקער!
אויב ביסט ניט גרייט מיט פרעסנדיקע בליקן
דיין שכן ביי דעם טיש אין רעסטאָראַן דערשטיקן,
ווייל ער האָט זיך דערלויבט צו טרינקען זיסע קאַווע,
ניט שפּאָרנדיק קיין צוקער פאַר די העלדן בראַווע —
דאַן הייסטו סלעקער!
און גאָט באַהיט דיך, זון, דער שפּרוך זאָל אויף דיר פאַלן,
דו וועסט זיך ניט באַוואַשן אין די ריינסטע קוואַלן.

ט

אלעלין, געוויסן דו,
האַלט דאָס מויל און שווייג אַצינדער,
ווי אַ שיכור אָנגעזויפּט
וואָיעוועט אַ האַס אַ בלינדער.
אלעלין, ס'איז קריג אצינד —
מאָרד — מיליאָנען מאָל גע'כפּלט,
הייליק, הייליק איז דער קריג,
ווינד און ווי איז דעם, וואָס צווייפלט.

שלאָס אויף מויל — געפּאַר איז וואָך :
ווי די וועלף — שפּיאָנען טשאָטעס,
פּיל אזעלכע ווי דו
פוילן איצטער הינטער גראַטעס.
וואו־זשע נעמט מען אזאַ מוט,
פעלזן מוט — פון יודזשין דעבסן ?
אונטערטעניק קומט דאָס פאָלק,
העלדזער אויסגעשטרעקט ווי שעפּסן.

יענקי־דודל פאָרט קיין פראַנקרייך
אויף אַ שיף פון אייזן,
אוי וועט ער דעם קייזער ווילי,
אוי וועט ער אים ווייזן!
ניט באַשערט איז יענקי דודלען
זיך אַ ראַנג דערדינען,
אין די טיפן פון אַטלאַנטיק
וואַרטן סובמאַרינען.
ווי א בליי צום דנאָ געזונקען
איז די שיף פון אייזן.

יענקי־דודלס יונגער קערפּער
וועט די ים־פיש שפּייזן.
ס'איז אַ פליישיקדיקע סעודה
ביי די פיש מסתמא,
און אין דר'היים מיט אויגן רויטע —
יענקי־דודלס מאַמע.

נאָר איך בין א מענטש אַ ווייכער,
מעק איך אויס די שורות,
זאָל זיך יענקי־דודל פאָרן
און באַווייזן גבורות.

יא

טאָג ווי נאַכט עס ציען שיפן —
ניט גערוט, ניט גערוט,
פירט מען יונגען פאַר די פראָנטן —
מילך און בלוט, מילך און בלוט.
יענק דו מיינער, הערסטו ניט
דער טייוול לאַכט, טייוול לאַכט ?
ווער האָט דאָס פאַר דיר א שונא
אויסגעטראַכט, אויסגעטראַכט ?
ניט מען קען אים, ניט מע ווייסט אים —
און מע גייט, און מע גייט,

ניט געהברט, ניט געקריגט זיך —
און מע טייט, און מע טייט.
ציען שיפן פול מיט ברוכוואַרג
אויף צוריק, אויף צוריק,
צעקאַליעטשעט און צעקריפּלט
יוגנט־גליק, יוגנט־גליק.
אויסגעצוצט און אויסגעשפּיגן
האָט דער פראָנט, האָט דער פראָנט,
און דאָס מויל פון דעם גיהנום
ווייטער מאָנט, ווייטער מאָנט.

יב

איך האָב זיי באַגעגנט די העלדן די בראַווע
אויף פּיס פון צוויי הילצערנע שטאַנגען,
און דאָרט, וואו עס הענגען ביי מענטשן די הענט —
זיינען ליידיקע אַרבל געהאַנגען.
העי, דזשאַני, העי, טאַני, איר זין פּאַטריאַטישע,
דאָס פאַטערלאַנד וועט אייך געדענקען,
און וועט אויף די ברייטסטע און רוישיקסטע גאַסן —
אַ טאָג אויף צו בעטלען אייך שענקען.
און יענע, וואָס האָבן אויף שלאַכט־פעלד פאַרלוירן
דאָס העכסטע, וואָס מענטש קאָן פאַרלירן,
מיט וואָס פאַר אַ לוין וועט דאָס פאָלק זיי באַלוינען?
מיט וואָס פאַר אַ קרוין זיי באַצירן?
מיט גילדענע שטערן אויף מוטערשע פענצטער —
אַ לוין פאַר געפאַלענע זין,
אָ, גאָט פון מלחמה, ווי ביליק דו קריגסט עס
אַ קינד פונם מענטשלעכן מין!

יג

[יינצ]־אַכצן — לעצטער דונער
האָט די ערד געטאָן א וואַקל,
זיינען ניכטער־טעג געקומען
פאַרן ביטערן סך־הכל.
באַנען, באַנען פול מיט טרונעס,
פול מיט ווייסע טרונעס נייע,
פון ניו־יאָרק ביז סאַן פראַנציסקאָ —
איין אומענדלעכע לויה.
טרונעס איינגעהילט אין פאָנען
מיט די שטרייפן און די שטערן,

ס׳האָט דאָס לאַנד זיין וואָרט געהאַלטן —
אונדז די זין צוריקצוקערן...
יעדער סטאַנציע מיט איר טרונע
און צווייַ אַלטיטשקע געבויגן
איבער זייער לעצטן אוצר
מיט פאַרשטאַרטע יאוש־אויגן.
באַנען, באַנען, שוואַרצע באַנען,
פרוכט פון רויטע הענקער־יאָרן,
מענטש, דו מענטש, ווי שנעל פאַרגעסטו,
האָסט אַ קעצענעם זכרון!

אַ בריוו

1935

איך בין ניט קלוג גענוג צו לערנען פון אַ רמז —
דאָס נייע איז נאָך מוטנע און אַזוי ניט קלאָר,
און דו פאַרלאַנגסט פון מיר דעם פולן אמת —
זאָג איך: כ׳האָב געזען, נאָר כ׳ווייס ניט וואָס ס׳איז וואָר.

נאָך קיינמאָל נישט איז מענטש פאַר אַזאַ פּרוואוו געשטאַנען,
זיין סאַמע טבע ליגט איצט אויף פּראָבירונג שטיין —
די וועלט באַשטייט פון פעלקער און פון קלאַנען,
וואָס קעמפן קעגן זיך מיט נעגל און מיט ציין.

און קלאַן באַשטייט פון איכן, איכן, איכן,
און יעדער איך באַגערט דאָס פעטסטע שטיק פאַר זיך,
און אויב מע דאַרף נאָר חוצפה אויף צו קריכן, וועט מען קריכן
אַריבער פרעמדע קערפּערס מיט די ברודנע שיך.

איצט וואַקסט אַ נייע פלאַנץ נאָך שטורעמס און נאָך שלאַקסן —
פאַרזייט אַ נייעם מענטשן אין דער מוטער־טראַכט,
אַ בוים וואַרט יאָרן־לאַנג ביז וואַנען פּירות וואַקסן —
און דו פאַרלאַנגסט, אַז מענטש זאָל וואַקסן איבערנאַכט ?

איך האָב געזען די חורבות און דעם שימל,
וואָס ווערן אָפּגעקערט נאָך טיפער פון יסוד,
ווי טורעמס יונגע רייסן זיך צום הימל,
ווי ס׳וואַקסן ריזן שטעט לויט מענטשלעכן געבאָט.

איך האָב געזען די קינדער פון אוקראַינע,
די קינדער פונם טאַטער און קינדער פון אוראַל,
איך האָב געזען די משהקעס און די שרהקעס מיינע —
ווי אַלע טרינקען פריידיק פונם זעלבן קוואַל.

איך האָב געזאָגט צו זיך: דאָס ערשטע איז אַ וואונדער —
די וואונדערלעכע פרוכט פון מענטשנס שווערער מי,
נאָר ס׳צווייטע וועל איך טראָגן אין זכרון גאָר באַזונדער,
און נאָכגיין טראָט ביי טראָט זיין וואוקס און זיין צעבלי.

עס טראָגט זיך נייער סדר אויף געשמידטע אַקסן,
און איך, איך זיץ אַצינד פון וייטן און איך טראַכט:
אַ בוים וואַרט יאָרן לאַנג ביז וואָנען פירות וואַקסן,
און דו פאַרלאַנגסט, אַז מענטש זאָל וואַקסן איבערנאַכט?

אינהאַלט

וועדטיקאַלן 5
שטאָט 7
אָוונט 12
רעקלאַמעס 13
שטילקייט 14
שלאָף 16
אָוונט־רו 17
ניו־יאָרק אין נעפל 18
רו 19
טראַפיק 20
נאָך דער אַרבעט 21
נאַכט 22
סקווער 24
מעדיטאַציעס 27
אויפן טויט פון מ. ל. האַלפּערן 34
זאָל זינגען ווער עס וויל 41
דער קליינער דאַלפוס 44
איך און דו 45
אונדזער לאַנד 47
פרימאָרגן 51
אויף הפקר 54
שאָטנס 56
אַ מעשה 59
ערשטער מאַי 66
דאָגמע 67
פאָרן שטורעם 68
היסטעריקע 69
אַ בריוו 93